# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

פטרון טהור עינים
חודש תמוז
נתנדב ע"י הרכני הנגיד
מוה"ר יודא ווייס הי"ו
לע"נ רבן של ישראל
האור החיים הקדוש זיעועכ"י
יומא דהילולא קדישא ט"ו תמוז

שנה ז | גליון 112 | חק"ב - פנחס תשפ"ג לפ"ק




# אן אפגעהיטענער זומער 1

## שמירת עינים פאר איין מינוט

אאהה! מה רבו מעשיך ה'! א שיינער וועטער, גרינע גראז אוןביימער, ס'שיינט א געשמאקע זון אינדרויסן - דער זומער איז שוין דא. די גאנצע בריאה נעמט אויף דעם זומער מיט א שמייכל, ס'איז אנגענעם און געשמאק. אבער דא קומט אפיר די זארג פונעם ערליכן איד: וואס וועט זיין מיט שמירת עינים?

יעדער ווייסט אז זומער ברענגט מיט זיך א פלייץ פון נסיונות אין שמירת עינים. זאל עס זיין אויב דארף מען זיך דרייען אין די גוי'אישע גאסן, וואו די נסיונות זענען ברענעדיג ווי קיינמאל פריער און ווערט ערגער פון יאר צו יאר ממש; אפילו בלויז מיט איין טריט ארויס טרעפט מען זיך מיט די שערי גיהנום.

אבער אפילו אין די אייגענע ד' אמות, אין דער היימישער סביבה, איז מען אויך נישט באהיטן פון נסיונות. שוין אפגערעדט אויב וואוינט מען מיט גוי'אישע שכנים, און אפילו מ'איז ארומגענומען בלויז מיט אידן איז דאס מציאות אז זומער דרייען זיך מער מענטשן אויף די גאסן, מ'פארברענגט אינדרויסן, און ס'איז א פארנומענער סעזאן פאר'ן יצר הרע... יעדער בליק איז ביי אים גאר אסאך ווערד, ער מאכט פון דעם גוטע געשעפטן.

וואס טוט מען למעשה? די נסיונות זענען גרויס און שווער, ווי אזוי גיבט מען זיך אן עצה? מיר קענען זיכער נישט טוישן די גאסן. דער רבש"ע האט אונז אריינגעלייגט אין דעם מצב, און זיין רצון איז אז מיר זאלן לעבן מיט אזעלכע נסיונות אין שמירת עינים. צדיקים האבן אונז מגלה געווען אז דאס איז לעצטע שנירל פונעם גרויסן גלות פלאן, די פרייע געמיינע וועלט וואו אלע תועבות און זוהמות טאנצן פאר די אויגן, און מיר זאלן דינען דעם באשעפער אויף דעם אופן. פאר דעם זענען מיר דא.

מיר קענען אבער יא זיך אליין טוישן, עפעס טון אז אונזערע אויגן זאלן בלייבן ריין במשך די זומער טעג.

אין די ראמען פון די קומענדיגע גליונות וועלן מיר פרובירן איבערצוגיין עטליכע הויפט נקודות וויאזוי מ'דארף צוגיין צו דער עבודה פון שמירת עינים, און ספעציעל ווען מ'רעדט פונעם זומער ווען מ'טרעפט זיך מיט אזויפיל שווערע נסיונות אויפאמאל.

## א שווערע שלאכט אדער א ווייסע פאן

ווען א מענטש טראכט פונעם זומער, צי סיי וועלכן אנדערן מצב ווען ער דערזעט זיך מיט א גרויסן בארג פון נסיונות, און ער שפירט ווי ס'ווארטן אים אפ שווערע צייטן זיך צו ספראווען דערמיט, זענען פאראן צוויי סארט מהלכים וואס מענטשן וועלן אפט טון.

ס'זענען דא אזעלכע וואס ווערן שטארק נתעורר צו שמירת עינים, זיי האבן א שטארקן רצון בייצוקומען די אלע נסיונות, אבער ס'איז דאך שווער, מאכן זיי א פעלזן-פעסטע החלטה אז מ'גייט זיך אנגארטלען און דורכמאכן דעם גאנצן זומער אן קיין איין ראיה אסורה, זאל זיין וואס זאל זיין. ס'איז טאקע זייער שווער און אסאך, אבער מ'גייט זיך שלאגן. מ'מאכט פון פאראויס גרויסע פלענער, קבלות, קנסות, אא"וו, און מ'מאכט זיך גרייט אויף א מלחמה כבידה קעגן דעם יצר הרע מיט זיין מיליטער.

ווידער זענען דא וואס הגם זיי וואלטן זייער געוואלט האבן שמירת עינים, שפירן זיי אבער ביי זיך אז ס'איז פשוט אוממעגליך. זיי קלערן ביי זיך, לאמיר זיין רעאליסטיש, ס'ווארטן דאך אפ במשך דעם זומער הונדערטער און צמאל טויזנטער נסיונות, טאג נאך טאג. ווי איז דען מעגליך זיך מתגבר צו זיין אויף דעם אלעם? נאכדערצו, איך בין אזא פשוט'ער מענטש, בכלל נישט קיין גרויסער צדיק אדער עובד ה', נו, וויאזוי קען דאס אפילו זיין אז איך זאל דאס דורכמאכן? און אפילו אויב איך וועל פרובירן ווייס איך דאך אז ס'וועט סייווי נישט דורכגיין אן קיין מכשולות.

אין קורצן, דער ערשטער שטעלט זיך אוועק אויפ'ן פראנט באוואפנט ביז צו די ציין מיט אלע סארט כלי זין, קאמפסגרייט אויף א לאנג-פארצויגענער מלחמה. ווידער דער צווייטער הייבט אויף א ווייסע פאן נאך איידער דעם ערשטן שאס, אדער זוכט ער עכ"פ א שלום פלאן מיט גרינגע תנאים...

*

אבער אז מיר ווילן זוכן דעם אמת'ן תורה'דיגן בליק, וועלן מיר זען אז דיביידע מהלכים זענען נישט ריכטיג.

מעגליך אז איר הייבט ברעמען: מילא דער צווייטער מהלך, איז אוודאי' נישט וואס א איד דארף טון. מיר דארפן זיך שלאגן מיט'ן יצר הרע א גאנץ לעבן, און זיכער נישט קאפוטילירן צו אים. אבער זיך אנגרייטן מיט אלע מיטלען קעגן א שווערער מלחמה, וואס איז נישט גוט מיט דעם?

אויף דעם איז דער ענטפער אז אזא מענטש האט טאקע גוטע כוונות, אבער ער וועט געווענליך נישט דערגרייכן זיין ערהאבענעם ציל, דען ערגעצוואו וועט פאסירן א דורכפאל. און דעמאלט וועט ער ווערן אינגאנצן צעקלאפט, ער וועט זען אז די עבודה איז

›››


שטארקייט טהור עינים פאר כלל ישראל
כלל ישראל דארף שטארקייט!



# אן אפגעהיטענער זומער

שווערער ווי ער האט געמיינט, אדער נישט אין אלע אומשטענדן האט ער אזויפיל כח מלחמה צו האלטן, און ער וועט הייבן הענט, ס'איז נישט פאר אים.

אויב אזוי, וואס איז יא דער מהלך? וויאזוי קען מען לעבן מיט שמירת עינים אן דעם וואס מ'זאל דארפן זיך איבערשטרענגען און צוריקפאלן כסדר?

## ס'איז באמת אוממעגליך...

דא קומט א גאר וויכטיגע נקודה וואס חכמינו ז"ל לערנען אונז: ס'איז אוממעגליך פאר א מענטש בייצוקומען דעם יצר הרע!

יא, דאס געפיל פון א מענטש אז ס'איז נישט מעגליך בייצוקומען די אלע נסיונות איז ריכטיג. ס'איז באמת אזוי, אז אסאך מאל פארמאגט מען טאקע נישט די כוחות בייצושטיין אלע נסיונות וואס מ'זעט פאר זיך. איבערהויפט מיט די היינטיגע שמוציגע גאסן און ארבעטספלעצער, וואו מ'באגעגנט זיך מיט ביטערע נסיונות יעדע שעה אין טאג, איז באמת כמעט אוממעגליך דאס צו באווייזן. אויב זאל מען באטראכטן דעם מצב מיט א גשמיות'דיגן בליק, מיט מאטעמאטיש באלעבאטישע חשבונות, איז טאקע קלאר אז מ'קען זיך נישט שלאגן מיט אלע נסיונות וואס פאטשן אין פנים טאג טעגליך.

נאר וואס? אויב שפרינגט מען אריין, מ'הייבט אן ארבעטן און מ'היט זיך, קען מען אנקומען גאר ווייט. דאס איז א מציאות, וואס אומצאליגע מענטשן וועלן עדות זאגן דערויף. מ'קען זיך יא היטן און מ'קען זיין ערליך, אפילו היינטיגע צייטן.

איי, וועט א מענטש פרעגן, וויאזוי איז דאס מעגליך? זענען די צוויי זאכן נישט קיין סתירה?

## ...אבער דו קענסט עס פארט באווייזן

דער תירוץ אויף דער סתירה איז אז ס'איז דא א בורא עולם וואס ער פירט אלעס אויף דער וועלט, און יעדער פרט פון א מענטש ווערט געפירט דורך אים; יעדער אטעם און יעדער ריר מיט'ן פינגער. און פונקט ווי ער קאנטראלירט אלע זיינע אברים - זיין הארץ, זיינע לונגען, זיינע אויערן, זיין מח - דאס זעלבע פירט אויך דער רבש"ע דעם רוחניות פון א איד. ס'איז דא א פינקטליכער חשבון פון הימל אויף יעדן איינציגן נסיון, וויפיל און ווי שווער ס'וועט אנקומען, גענוי וואו און ווען ער זאל זיך באגעגענען מיט'ן נסיון, וויפיל כוחות ער וועט האבן, אא"וו. אזוי אויך קען דער באשעפער אין איין רגע פארגרינגערן און איינשפארן פאר'ן מענטש אלע נסיונות און מאכן אז ס'זאל אנקומען זייער גרינג.

דער באשעפער וואס פירט דאס אלעס מיט א פינקטליכן חשבון זאגט אונז זייער קלאר אז ס'איז נישט מעגליך **אליין** בייצוקומען דעם יצר הרע. אבער אין דער זעלבער צייט גיבט ער אונז א קלארע הבטחה אז אויב מ'שפרינגט אריין, גייט ער העלפן. און אויב ער העלפט, איז עס אוודאי שוין איינמאל מעגליך.

אזוי זאגן אונז חכמינו ז"ל: **יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ומבקש המיתו, ואלמלא הקב"ה עוזרו אין יכול לו** - דער יצר הרע פון א מענטש שטארקט זיך אויף אים יעדן טאג און ער וויל אים הרג'ענען, און ווען נישט וואס דער אויבערשטער העלפט אים קען ער אים נישט בייקומען.

מיר קענען בשום אופן נישט אליין פירן די מלחמה, נאר אויב דער רבש"ע שטייט אונז צו הילף. און אונזער טאטע אין הימל זאגט צו אז ער וועט שטיין צו הילף פאר א איד וואס הייבט אן און שטעלט א טריט פון זיין אייגענער עבודה. דאס איז אלעס וואס ער דארף. **פתחו לי פתח כחודו של מחט, ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם.** אויב א מענטש הייבט אן מיט זיין עבודה, דאן איז קלאר אז דער רבש"ע וועט אריינקומען אין בילד און ארויסהעלפן אז ער זאל זיך קענען היטן ווי ס'דארף צו זיין.

ספעציעל אויסטערלישע ווערטער זעט מען אין מדרש ווען ס'קומט צו שמירת עינים (מדרש עשרת הדברות, עה"פ לא תנאף): **אל יסתכל בנשים, שאם בא ליטהר מסייעין אותו מן השמים, והקדוש ברוך הוא בעצמו מתחבר לו לקדשו ולא יתן ליצר הרע לשלוט בו** - אז א מענטש מאכט אפ ביי זיך אז ער קוקט נישט אויף נשים, וועט מען אים העלפן פון הימל, און דער אויבערשטער אליין באהעפט זיך אים צו הייליגן, און ער וועט נישט געבן קיין רשות פאר'ן יצר הרע צו האבן א שליטה אויף אים!

## לעבן מיט'ן יעצטיגן מאמענט

די נקודה גייט אבער אסאך טיפער.

ס'איז נישט בלויז אז דער רבש"ע העלפט ארויס יעדן איד וואס שטרענגט זיך אן, נאר דא ליגט א טיפערע דערהערע וואס איז א גרויסער שליסל אינעם גאנצן למעשה'דיגן צוגאנג צו דער עבודה קשה שבמקדש פון שמירת עינים.

חכמינו ז"ל לערנען אונז דא אז דער רבש"ע וויל פון אונז בלויז די התחלה, צו אנהייבן ארבעטן מיט'ן **יעצט**, מיט'ן הווה. ער וויל דייקא נישט אז א איד זאל זיך "אנגארטלען" אויף א לאנג-טערמיניגער מלחמה מיט'ן יצר הרע, און נעמען אויף'ן קאפ דאס גאנצע אחריות אויפאמאל צו באקעמפן אלע נסיונות. ניין, ער וויל מיר זאלן בלויז אריינשפרינגען צו אנהייבן ארבעטן קעגן דעם יצר, מיר זאלן זיך קאנצענטרירן אויף'ן יעצטיגן מאמענט, און בלויז אויף דעם.

פארוואס וויל ער אזוי? ווייל דער עתיד און דאס כלליות'דיגע בילד וויאזוי מיר וועלן בייקומען אלע נסיונות דאס איז סייווי נישט אין אונזערע הענט; מיר דארפן סיי ווי צוקומען צו זיין כסדר'דיגער הילף. אויב אזוי, וואס וועט אונז העלפן אז מ'וועט מאכן פלענער אויף זאכן וואס זענען ממילא נישט תלוי אין אונז? איינמאל דער רבש"ע איז שוין דא אינעם בילד, דארף ער שוין נישט אונזערע עצות.

די אלע חשבונות און פלאנירונגען וועלן נאר קאליע מאכן, אז מ'וועט זיך דערזען מיט א גרויסן בארג וואס קוקט נישט אויס אז מ'וועט עס קענען דורכמאכן. און ווי דערמאנט, מיט א באלעבאטישן בליק איז דאך דאס דער אמת! מיט אונזערע כוחות קענען מיר דאס טאקע נישט בייקומען.

אלזא, דעם עתיד דארפן מיר אינגאנצן ארויפווארפן אויף'ן רבש"ע און זיך פארלאזן אויף אים אז ער וועט מקיים זיין זיין הבטחה און העלפן דעם איד צו געווינען דעם יצר הרע. מיר דארפן בלויז ארבעטן אויף'ן יעצט. איך גיי יעצט אויף דער גאס, און איך היט מיינע אויגן, ווייל אזוי באפעלט מיר די תורה. וואס גייט זיין א גאנצן זומער? וויאזוי וועל איך געווינען די מלחמה ביז'ן סוף? איך האב נישט קיין אנונג, און איך זוך נישט צו וויסן אפילו. ס'איז נישט מיין ביזנעס.

## אנטשולדיגט, דאס איז נישט דיין ארבעט!

לאמיר זיך מצייר זיין א בעל הבית וואס האט א גרויסע שיפינג פירמע, מיט הונדערטער ארבעטערס וואס נעמען אויף, סארטירן, און שיקן ארויס גרויסע און קליינע פעקלעך צו צענדליגער שטעט איבער אמעריקע. געווען איז עס איין טאג ווען דער בעל הבית שפאצירט אריין אין דער פאבריק, און ער זעט ווי בונם, דער ארבעטער וואס איז דריי טעג צוריק אריינגעקומען דא ארבעטן אין איינע פון די קלענערע אפטיילונגען פונעם פאבריק לויפט ארום פארסאפעט, ווען גרויסע טראפנס שווייס רינען אויף זיין געזיכט. ער האט אבער אפילו נישט צייט דאס אפצואווישן.

"וואס גייט פאר?" פרעגט דער בעל הבית דערשראקן.

"ס'איז נישט נארמאל וואס דא טוט זיך," האט בונם קוים עטליכע סעקונדעס צו מסביר זיין די סיטואציע. "זעקס טראקס שטייען אינדרויסן אנגעפילט מיט פעקלעך. יעדעס פעקל דארף מען אפוועגן, אפמעסטן, לעיבלען, און מאכן זיכער ס'קומט אן צום ריכטיגן אדרעס. שטעלט דיך פאר, א וויכטיגער לעבנסוויכטיגער מעדיצין דארף אנקומען קיין קאַלאַראַדאָ! טייל באקסעס זענען זייער דעליקאט זאכן, וואס מ'דארף באהאנדלען מיט באזונדערער וואכזאמקייט. ווייטער אינעם ווינקל איז דא א פּאַלעט מיט טייערע עלעקטראניקס, און ס'פאדערט זיך מ'זאל האלטן אן אויג דערויף."

"בקיצור," פירט בונם אויס לויפנדיג ווייטער, "איך נעם זייער ערנסט מיין נייע ארבעט!"

דער בעל הבית שמייכלט, און ער שיקט עמיצן זאל

המשך אויף זייט 6



# פראקטישע עצות

## איבערגעגעבן דורך די ליינער



### אויף די זומער'דיגע גאסן

**אראפקוקן** - זיך צוגעוואוינען צו גיין אלעמאל מיט די אויגן אראפ (חוץ ווען מ'גייט אריבער דער גאס).

**א חיוב מדאורייתא** - זיך חזר'ן אז היטן די אויגן איז נישט קיין חומרא אדער חסידות, נאר איז א חיוב גמור מדאורייתא. דער רבש"ע פארלאנגט דאס פון מיר!

*ווען ס'קומט אונטער א נסיון, חזר איך צו מיר: "דער באשעפער איז בעל הבית אויף דער גאנצער וועלט, און מ'קען נישט טון וואס מ'וויל. ער האט מיר באפוילן נישט צו קוקן!" דאס ארבעט וואונדערליך ב"ה.*

*י.ד.ב.*

**שויתי ה' לנגדי תמיד** - געדענקען אז דער רבש"ע איז מיט מיר יעדע רגע, און זעט אלעס וואס איך טו, און ערווארט אז איך זאל מיך היטן.

**קוקן אויף עפעס אנדערש** - האלטן די אויגן פארנומען מיט עפעס אנדערש, זאל עס זיין סיי וואס, צב"ש באטראכטן דעם סיידוואלק.

*הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל פלעגט זאגן אז ווען מ'גייט אין גאס, זאל מען זוכן ראבער בענדס אויפ'ן טראַטואָר. די נקודה דערפון איז נישט בלויז ווייל אזוי זענען די אויגן אויף אראפ, נאר אויך ווייל דאס מאכט אז די מחשבה זאל זיין פארנומען מיט עפעס אנדערש, און מ'דארף נישט טראכטן א גאנצע צייט פון די נסיונות.*

*איך באטראכט די קארס וואס זענען פארקירט ביי די זייטן פון דער גאס; וועלכע פירמע ס'איז, וועלכער מאדעל, דער קאר דילער, אא"וו.*

*ביי אונז אין שטאט זענען דא אסאך אויסגעברענטע ציגארעטלעך אויף דער ערד. כדי צו האלטן די אויגן פארנומען, האב איך אפגעמאכט מיט מיינע קינדער אזא סארט געים אויפ'ן וועג אהיים פון שול, אז מיר וועלן זען ווער ס'קען טרעפן דאס מערסטע ציגארעטלעך...*

**א בילד פון א צדיק** - האלטן ביי זיך אין טאש א "שויתי" קארטל אדער א בילד פון א צדיק, און ווען ס'קומט אונטער עפעס כאפט מען א בליק דערויף און מ'ווערט נתעורר צו יראת שמים.

**מואס זיין ברע** - אריינברענגען אין זיך אן עקל צום פריצות אויף די גאסן. ס'איז מיאוס און נידריג, די מענטשן לעבן אן קיין ציל ווי בהמות, און ס'ציט מיר נישט צו האבן שייכות מיט אזא לעבנסשטייגער. איך בין אסאך העכער פון דעם!

**אויפ'ן טעלעפאון** - ערלעדיגן אלע וויכטיגע (אדער אומוויכטיגע) טעלעפאן קאלס ביים גיין אין גאס.

**האטליין** - אויסהערן א תורה האטליין, אדער אפילו סתם א היימישן האטליין מיט נייעס שמועסן וכדומה צו האלטן דעם קאפ פארנומען. ס'איז גוט אויב מ'קען זיך אנגרייטן פון פריער וואס מ'גייט הערן.

**די תורה** - די בעסטע רפואה: בראתי יצר הרע, ובראתי לו תורה תבלין. דער זעלבער וואס האט באשאפן די מכה וואס רופט זיך יצר הרע, איז אויך דער גרויסער דאקטער וואס זאגט אונז אויס די רפואה - ליגן אין לערנען! זיך מאכן א געשמאקן שיעור אין לימוד התורה, נישט סתם פון אויבנאויף.

**ובלכתך בדרך** - איבער'חזר'ן אויף אויסוויינינג א בלאט גמרא אדער סיי וועלכן לימוד. אויב מ'קען טרעפן אן אינטערעסאנטן תורה'דיגן נושא, הרי זה משובח.

*די בעסטע עצה איז א בלאט גמרא, דער קאפ זאל זיין פארנומען מיט'ן איבערלויפן די שקלא וטריא. נאך בעסער איז אויב מ'קען עס מאכן אלס א קנאת סופרים, אז ווען מ'קומט אן אין ביהמ"ד/כולל/ארבעט זאל מען קענען פרעגן דעם חבר לדבר מצוה צי ער האט שוין אויך געלערנט דעם שיעור, און איבערגיין צוזאמען איין אינטערעסאנטע שורה פון דער גמרא. דאס זעלבע קען מען אויך טון מיט חומש, צב"ש די וואכעדיגע סדרה. איך האב מיך איינגעפירט צו טראכטן א קשיא אויף דער סדרה אויפ'ן וועג פון בית מדרש צו דער ארבעט, און ווען איך קום אן פרעג איך דאס פון עמיצן.*

**האלטן דעם קאפ פארנומען** - אפילו נישט דווקא תורה, נאר סיי וועלכע זאך מ'קען זיך אנגרייטן פון פריער צו האלטן מיט דעם פארנומען דעם מח, העלפט אז די גאנצע מלחמה זאל נישט אנקומען אזוי שווער, ווייל מ'איז קאנצענטרירט אויף עפעס אנדערש.

**שטילע געסלעך** - זיך נישט דרייען אויף אזעלכע גאסן וואו דאס פריצות איז שטארק, נאר זיך אויסזוכן שטילערע גאסן פון וואו צו גיין. אז די ראיות שפרינגען נישט פאר די אויגן, איז אסאך גרינגער זיך צו היטן.

*ביי אונז אין מאנטרעאל זענען דא גארבעדזש לעינס אין בעק פון די הייזער, וואס דארט איז אלץ ליידיגער און גרינגער מיט שמירת עינים.*

### ביים דרייווען

**געדענקען אז מ'האט א מיסיע** - זיין די גאנצע צייט באוואוסטזיניג אז מ'דארף היטן די אויגן. ווען מ'מאכט צו דעם סיט בעלט, צינדט דאס די באוואוסטזיניגקייט אז איך גיי יעצט היטן מיינע אויגן.

**זיך זעצן פון הינטן** - פאר א פאסאזשיר איז אן עצה זיך צו זעצן פון הינטן ווי איידער אין פארנט. ס'איז אסאך גרינגער צו היטן די אויגן.

**קוקן גראד פאראויס** - פרובירן צו קוקן נאר גראד; נישט צו די זייטן, און נישט אריינקוקן אין אנדערע קארס.

*עס וועט נישט נעמען לאנג, און די דרייווערלאזע קארס וועלן ווערן אונזערע מנהיגים. די קאמפיוטערס ווייסן נישט פון קיין מענטשן וואס זיצן אין די ארומיגע קארס, זיי דערקענען זייערע שכנים קארס נאר דורכ'ן דרויסנדיגן געשטעל און פונעם לייסענס פלעיט. נו, מיר קענען זיין פארגעשריטן, און שוין אנהייבן זיך פירן ווי די קלוגע קאמפיוטעריזירע אויטאס.*

**דער קאר פאראויס** - זיך קאנצענטרירן אויפ'ן קאר פון פארנט, און קוקן אויף זיין לייסענס פלעיט. סיי ביים פארן, און כ"ש ביים שטיין אין טראפיק אדער א רויט לייט.

### בילבארדס

**נישט מאכן קיין חשבונות** - געדענקען אז בילבארדס זענען טרייף. נישט קוקן אפילו אויף די ריינע, ווייל נאך צען ריינע וועט אנקומען איין אויסגעלאסענער, און אויף דעם האט דער יצר הרע געווארט. מ'מאכט נישט קיין פשרות מיט'ן שטן.

**אויסמיידן דעם נסיון** - פרובירן נישט צו גיין אויף א גאס וואו מ'ווייסט אז ס'געפינט זיך א בילבארד, כדי נישט אריינצופאלן אינעם נסיון. אויב מוז מען בהכרח גיין, זאל מען מאכן א קבלה אז פון מ'קומט אן אויף דער גאס קוקט מען נישט ארויס פון די ד' אמות ביז מ'גייט פארביי דעם בילבארד.

**אן אפגעהיטענער זומער, ברוחניות ובגשמיות!**

**האט איר סיי וועלכע עצה אדער הוספה?**
**רופט אריין און זייט מזכה כלל ישראל**
**845.999.4114 עקס. 1-2**


טהור עינים האט
געטוישט
מציאות!
מזכי הרבים
$25
חודש'ליך
גליון טהור עינים אידיש | גליון טהור
טהור עינים
שטארקייט
פאר כלל ישראל
NUAH 845.513.0001



# די

אין די לעצטע 7 יאר, זיינט טהור עינים'ס מאסיווע פארשפרייטונג פון חיזוק בשמירת עינים אויף א פאזיטיווע וועג, **איז די נושא געווארן ב"ה א נחלת הכלל.**

אידן איבער די גאנצע וועלט פון יעדן סוג, קרייז, און עלטער, האבן אנגעהויבן לעבן מיט שמירת עינים **מיט א אידישע העלדישקייט!**

רופט יעצט אריין
מיט אייער נדבה!

**845.999.4114**

**$360** 2,000 גליונות ספאנסער

**$180** 1,000 גליונות ספאנסער

ינים לשון-קודש | גליון טהור עינים ענגליש | גליון טהור עינים ספאניש | טעגליכע מאטיוואציע אימעיל'ס



# אן אפגעהיטענער זומער

המשך פון זייט 2 >>>

גיין צוריקרופן דעם געטרייען ארבעטער. "הער מיר אויס, בונם," רופט ער זיך אן. "איך שעץ זייער שטארק דיינע רצונות צו מאכן זיכער אז אלעס קלאפט, אבער נישט צוליב דעם האט מען דיך אויפגענומען דא. אפילו מיט דיין בעסטן ווילן, קענסטו נישט זען אז אלע אפעראציעס דא זאלן פארן ווי ס'דארף, און אז וועסט שלעפן אן איבריגן עול וועסטו גאנץ שנעל אונטערברעכן. דו דארפסט טון דיין ארבעט בשלימות, און דאס איבריגע לאז פאר מיר און פאר די מענעדזשערס וואס מאכן שוין זיכער אז אלעס קלאפט כדבעי!"

דער רבש"ע זאגט אויך פאר א איד, אויב ווילסטו מאכן א פלאן וויאזוי דו וועסט אליין בייקומען דיין גאנצן יצר הרע מיט אלע נסיונות וואס ווארטן דיר אפ, איז ממש א שאד. ס'איז נישט דיין ארבעט בכלל, און דיינע פלענער וועלן סיי ווי נישט זיין גילטיג. דו טו דיין חלק, מאך א פלאן אויפ'ן היינט, און שפרינג אריין מיט א גבורה. מאך א שטארקע קבלה מיט גדרים וסייגים, און דערנאך וועל איך דיר שוין העלפן גיין ווייטער אז דו זאלסט זיין ריין פון די אלע מכשולות. לאז דאס גרויסע בילד פאר מיר.

## דער וואונטש פונעם רשע

כמובן, רעדט מען נישט דא פון געוויסע פראקטישע גדרים וסייגים וואס מ'שטעלט אוועק איינמאל פאר אלעמאל און מ'שפּארט זיך דערמיט איין נסיונות טאג טעגליך. ביי דעם איז פשוט אז מ'דארף יא טראכטן פונעם עתיד און מאכן די ריכטיגע גדרים אז מ'זאל זיך איינשפארן ווי מער נסיונות. אבער דאס איז נוגע פאר דער טאג-טעגליכער מלחמה, דאס פון וואס מ'קען זיך נישט ארויסדרייען, פון דעם דארפן מיר טראכטן יעצט, אבער נישט מאכן גרויסציגיע פלענער פאר'ן גאנצן עתיד. קאנצענטריר דיך אויפ'ן יעצטיגן מאמענט!

ס'איז קלאר אז דאס קוקן אויף ווייטע חשבונות איז מעשה יצר, וועלכער זוכט אז א מענטש זאל מאכן די אלע חשבונות, מיט'ן ציל אז דאס זאל אים אנווארפן א געפיל פון יאוש אז איך וועל דאך סיי ווי נישט באוויזן דאס צו דערגרייכן, און אזוי פארלירט מען דעם מוט און עווענטועל גיבט מען אויף דעם קאמף.

דער **אור החיים הקדוש** (פר' בלק, עה"פ תמות נפשי) שרייבט הפלא'דיגע ווערטער: "איך האב געזען רשעים וואס האבן מיר געזאגט בפירוש אז אויב זיי וואלטן געוואוסט אז זיי טוען תשובה און זיי שטארבן תיכף, וואלטן זיי תשובה געטון. נאר זיי טראכטן ביי זיך אז זיי קענען זיך נישט האלטן ערליך פאר צו לאנג, וויבאלד זיי זענען משועבד צום יצר הרע, דער מלך זקן וכסיל, רח"ל."

דאס האט בלעם הרשע געמיינט צו זאגן מיט זיינע ווערטער תָּמֹת נַפְשִׁי מוֹת יְשָׁרִים. ער האט זיך געוואונטשן אז ער זאל שטארבן ערליך. אבער לעבן ערליך דאס האט ער זיך נישט געקענט אונטערנעמען, ווייל אפשר וועט ער דורכפאלן. נאר גלייך פאר'ן שטארבן איז ער גרייט געווען תשובה צו טון.

דאס מיינט אז בעצם ווילן די רשעים תשובה טון, נאר זיי האלטן זיך צוריק מיט'ן חשבון אז זיי וועלן נישט קענען אנציען אזוי, און דערפאר טוען זיי נישט תשובה און בלייבן מיט זייערע זינדיגע וועגן!

## א קבלה בלויז אויף היינט

דער הייליגער **בית אברהם פון סלאנים זצ"ל** שרייבט גאר שטארקע ווערטער (שבועות עה"פ אתם ראיתם): ווען עס קומט צו דער מלחמת היצר, טאר מען נישט מורא האבן אויב מ'וועט האבן די כוחות שפעטער. מ'זאל זיך בכלל נישט זארגן וואס וועט זיין שפעטער. וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן - לאַך אויס די טענה פונעם יצר איבער וואס וועט זיין אין א שפעטערן טאג.

נאר די עצה איז, וְקִדַּשְׁתֶּם הַיּוֹם וּמָחָר - היילִיג דיך בלויז אויף היינט, זארג נישט וואס ס'וועט זיין, און דער היינטיגער טאג זאל זיין א הכנה אויף מארגן. און אזוי זאל ער יעדן טאג לעבן מיט'ן היינטיגן טאג.

זאגט דער בית אברהם אז דאס איז געווען דער חילוק צווישן די אידן מיט די אומות העולם ביי קבלת התורה. די גוים האבן מורא געהאט פונעם עתיד אז זיי וועלן נישט קענען מקיים זיין די תורה; זיי האבן שפעקולירט יעדער אויף זיין אייגענעם נסיון, דער מיט לא תרצח, דער אנדערער מיט לא תנאף, און זיי האבן באשלאסן פון פאראויס אז זיי גייען עס נישט קענען איינהאלטן. אבער מיר אידן האבן מקבל געווען די תורה אן קיין שום פחד וואס וועט זיין במשך הזמן!

## נישט דא קיין בארג!

דאס זעלבע שפילט זיך אפ מיט אסאך פון אונז ווען ס'קומט צו שמירת עינים. מ'האלט אז מ'וועט סיי ווי נישט דאס מאכן, דערפאר דערשרעקט מען זיך און מ'הייבט נישט אן. און דאס איז באמת דער טעות פון ביידע מהלכים וואס מיר האבן פריער דערמאנט, וואס דער צד השווה פון ביידע איז אז זיי נעמען דאס גאנצע אחריות אויף זיך, זיי קלערן אז זיי דארפן זיך ספראווען מיט'ן גאנצן בילד, מיט א גרויסן בארג פון נסיונות. נאר ביי איינעם ברענגט דאס א דורכפאל נישט צו קענען שטיין אין אזא שווערער מלחמה, און ביי איינעם ברענגט עס גאר בכלל נישט אנצוהייבן ארבעטן אויף שמירת עינים.

חז"ל זאגן (סוכה נב:) אז לעתיד לבוא וועט זיך דער יצר הרע פארשטעלן ווי א בארג. זאגן די ספרים הק' אז דאס איז נישט נאר לעתיד, נאר אויך היינט שטעלט זיך דער יצר הרע פאר ווי א בארג. ער זוכט אז דער מענטש זאל באטראכטן זיינע נסיונות ווי א ריזיגער בארג, דורכ'ן אים דיקטירן ער זאל נישט קוקן בלויז אויפ'ן יעצט נאר ער זאל באטראכטן אויף איינמאל אלע נסיונות וואס ווארטן אים אפ, און דאס זאל אים נישט לאזן דערהייבן אזא שווערע לאסט.

דאס איז אבער אלץ אן אנשטעל. ס'איז נישט דא

# שוב יום אחד לפני מיתתך

**הרה"ק ר' נחמן מברסלב זי"ע** ברענגט ארויס דעם יסוד זייער קלאר (ליקוטי מהר"ן תורה ער"ב):

"דער פסוק זאגט הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ (תהלים צה, ז). דאס איז א כלל גדול אין עבודת ה', אז א מענטש זאל נישט טראכטן נאר פון דעם היינטיגן טאג און פון דער יעצטיגער שעה, נישט פון איין טאג אויפ'ן צווייטן. וויל ווען א מענטש וויל זיך נעמען אין די הענט אריין, קוקט אים אלעס אויס כאילו ס'איז א שווערע לאסט און ער קען דאס נישט דערהייבן, אבער ווען ער טראכט אז ער האט נאר דעם היינטיגן טאג וועט עס בכלל נישט זיין שווער."

ס'ווערט טאקע דערציילט (שיחות הר"ן רפ"ח) אז אמאל איז געקומען צו הרה"ק רבי נחמן מברסלב א איד וואס האט געדארפט חיזוק. האט ער אים געזאגט מיט א געשריי די משנה "שוב **יום אחד** לפני מיתתך", אויסציענדיג לאנג די ווערטער "יום אחד". ווי צו זאגן, דו דארפסט תשובה טון בלויז איין טאג. איין טאג איז וואס מ'פארלאנגט פון דיר, דעם היינטיגן טאג; מארגן וועט זיין א פרישערער טאג.

אלע ספרים הק' ברענגען דעם שטארקן יסוד אז דער רבש"ע שיקט נישט פאר א מענטש א נסיון וואס ער קען נישט ביישטיין. אויב האט ער דעם נסיון, איז א סימן אז ער האט די כוחות דערצו (עיין גליון 96 - שבת נחמו תשפ"ב).

אויב קוקט מען מיט ווייטע חשבונות וואס וועט זיין במשך הזמן, דאן איז זייער שווער צו דערהערן דעם יסוד, ווייל מיט'ן פליישיגן בליק קוקט נישט אויס ווי מ'וועט האבן די כוחות פאר **אלעם**, און מ'דארף האבן אמונה אז אז עפעס וועט זיך דא טוישן. אבער לויט ווי מ'האט געשמועסט קען זיין אז ער האט באמת נישט די כוחות פאר דעם אלעם, אבער ער האט זיכער יא כוחות פאר'ן הווה, זיך צו ספראווען מיט'ן נסיון פון היינט, און דאס איבריגע וועט שוין דער אויבערשטער ערלעדיגן.



קיין שום בארג. ווייל דאס וואס מ'דארף זיך מתגבר זיין היינט איז דאך נישט אזוי געפערליך, ס'איז דאך נאר איין טאג, און נאר די יעצטיגע מינוט, און בלויז דאס וויל יעצט דער רבש"ע פון דיר. ווייטער וואס ס'וועט זיין מארגן, וואס ס'וועט זיין אפילו א מינוט ארום, דאס האט גארנישט מיט דיר.

ס'זענען דא מענטשן וואס קלערן אז די ווערטער פון די ספרים הק' זענען כאילו אויסצושפילן דעם יצר הרע. מ'רעדט אים איין אז מ'איז זיך מקבל בלויז פאר א קורצער צייט, און מ'דערציילט אים נישט וואס די עכטע פלענער זענען...

ס'איז אבער נישט ריכטיג דאס צו באטראכטן ווי בלויז א שפיל, ווייל ווי געשמועסט איז דאס דער אמת. דער אויבערשטער גיבט אונז די כוחות פאר יעצט, און דאס בעט ער פון אונז, ווייל מיר קענען באמת נישט ארבעטן אויף לאנגע טערמינען. נישט דאס בעט דער רבש"ע פון אונז, און מיר ווייסן בכלל נישט ווי שווער אדער גרינג ס'וועט אונז אנקומען אינעם עתיד, ווען מיר וועלן האבן הילף פונעם הייליגן באשעפער אליין.

ונאמן הוא בעל מלאכתינו - מיר קענען געטרויען דעם אויבערשטן אז ער וועט אונז נישט לאזן אליין.

# הארציגער רוף פון "טהור עינים"

**לכבוד אייך, חשוב'ער ליינער פון די גליונות מאמר התחזקות:**

שוין גאנצע 7 יאר איז פארלאפן זינט מיר זענען אריינגעשפרונגען אין ארויסגעבן דעם גליון אויף שמירת עינים. דער גליון איז א פראיעקט פון געציילטע עסקנים, וואס האבן גענומען די שווערע לאסט אויף זייערע פלייצעס מיט'ן ציל צו מזכה זיין דעם ציבור מיט חומר אויף דעם וויכטיגן נושא, צו פארש פרייטן שמירת עינים ביי אידישע קינדער איבער דער גאנצער וועלט.

**היינט צוטאגס, מיט די ברענעדיגע נסיונות וואס זענען דא אין יעדן ווינקל, איז שמירת עינים עפעס וואס איז נוגע יעדן און אויסנאם.** די רוישיגע כוואליעס באדראען יעדן, יונג און אלט, בעלי בתים און כולל יונגעלייט, ארבעטער און בחורים, און ס'איז פשוט א פליכט צוצושטעלן א רעטונגס ברעט פון וואו אידן זאלן קענען שעפן כסדר חיזוק אויף שמירת עינים און שטארקייט קעגן אלע נסיונות וועלכע מ'באגעגנט טאג טעגליך.

**אונזער וואויסמעיל איז עדות וויפיל חיזוק אידישע קינדער שעפן פון די גליונות.** מיר האלטן אין איין צוריקהערן פון אידן פון אלע עקן וועלט וויפיל שטארקייט און מוט דאס בלאזט אריין אין זיי, פשוט זיך צו קענען פארמעסטן מיט זייערע טאג-טעגליכע נסיונות, ווען די וועלט איז אזוי געמיין. **די גליונות מאכן באשיינפערליך א מהפיכה אין אידישע הערצער.**

די גליונות ווערן פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, און ווערט היינט צוטאגס איבערגעזעצט אויף פיר באזונדערע שפראכן - **אידיש, לשון קודש, ענגליש, און ספאניש** - מיט'ן ציל צו גרייכן יעדעס אידיש הארץ וואס זוכט חיזוק אין שמירת עינים. **במשכ'ן יאר ווערן געדרוקט קרוב צו צוויי מיליאן גליונות!** און דאס איז אויסער די צענדליגער טויזנטער וואס זענען אויפגעסיינט צו באקומען די גליונות דורך אימעיל.

ס'איז איבריג צו זאגן אז די **הוצאות** פון ארויסגעבן און פארשפרייטן די גליונות זענען **אומגעהויער**. ס'איז נישט פינאנצירט דורך סיי וועלכע קהילה אדער קערפערשאפט. דער גליון איז א פריוואטע אונטערנעמונג פון יונגעלייט וואס לייגן אריין ענדלאזע כוחות און צייט, צו קענען אריינגיסן חיזוק טראפנס אין א דור וואס דארף עס אזוי וויכטיג.

**מיר ווילן ווייטער אנגיין, און זיך נאך מער פארברייטערן ביתר שאת ויתר עוז צו מזכה זיין כלל ישראל. אבער מיר דארפן די פינאנציעלע הילף פון כלל ישראל. דער בודזשעט איז גאר גרויס, און מיר קענען דאס נישט אליין דעקן.**

מיר ווענדן זיך מיט א הארציגן רוף צו יעדן איד וואס זיין הארץ איז אפן צו האבן א חלק מיט'ן פארשפרייטן קדושה וטהרה ביי כלל ישראל: ערמעגליכט אונז צו ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די אלע הייליגע פעולות!

**מיר אפעלירן צו יעדן זיך אנצושליסן מיט'ן זכות מזכי הרבים מיט'ן זיך אויפסיינען אויף א חודש'ליכער נתינה פון $25, וכל המוסיף מוסיפין לו.**

**מיט דעם זענט איר א גלייכער שותף אין אלע פעולות פון טהור עינים, און דער זכות איז אין לשער, ווי די משנה זאגט (אבות פ"ה מי"ח) כל המזכה את הרבים זכות הרבים תלוי בו. די אלע מיליאנען שמירת עינים וואס אידן זענען זיך מחזק א דאנק דעם חיזוק וואס זיי באקומען, וועט גיין אויף אייער חשבון און ס'וועט פארערעכנט ווערן אלס אייער זכות!**

אין זכות פון נעמען א חלק אין די הייליגע פעולות, זאל דער רבש"ע אייך עפענען אלע שערים, און די זכותים זאלן אייך אנטקעגנקומען מיט ברכות און השפעות לרוב, מיט בני חיי ומזוני, איר זאלט זען נחת דקדושה פון אייערע קינדער און ווייטערדיגע דורות, זיי זאלן אלע גיין אויפ'ן ערליכן אויסגעטראטענעם וועג, עד נזכה לביאת המשיח בב"א.

אלי' הכהן טורנהיים
מנהל טהור עינים

שלום יוסף מענדלאוויטש
יו"ר טהור עינים - אמעריקא

ישראל ווייסמאן
יו"ר טהור עינים - ארה"ק

מאיר מעלאות
יו"ר טהור עינים - ארגעטינא

נתנאל הערשקאוויטש
עורך ראשי - אידיש

ישראל גרינפעלד
עורך ראשי - לשון קודש

חיים דוד קליין
עורך ראשי - ענגליש

אשר שנירמאן
עורך ראשי - ספאניש





## על הטוב יזכר

**זכות 4000 גליונות**

מוה"ר **יעקב גאטליעב** הי"ו, **לזכות הנדבן ומשפחתו** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**זכות 2000 גליונות**

מוה"ר **יואל צוויבל** הי"ו, מוה"ר **הלל מארמארשטיין** הי"ו, מוה"ר **משה ניסים מזרחי** הי"ו לרגל אירוסי בתו למז"ט, מוה"ר **ישעי' הערש שפיטצער** הי"ו לרגל נישואי בתו למז"ט, מוה"ר **יודל פיש** הי"ו לרגל נישואי בנו למז"ט, מוה"ר **שרגא פייוול הכהן ברעכער** הי"ו לרגל נישואי בנו הבה"ח **נחמן** ני"ו למז"ט, מוה"ר **לייבוש הארוויץ** הי"ו לרגל נישואי בתו למז"ט,

**זכות 1000 גליונות**

מוה"ר **ברוך קרויס** הי"ו, מוה"ר **מאיר מענדל ווייס** הי"ו לרגל אירוסי בנו למז"ט, מוה"ר **יחזקאל צבי בערגער** הי"ו לרגל הולדת בנו למז"ט, מוה"ר **מאיר יצחק בערקאוויטש** הי"ו לרגל נישואי בתו למז"ט, מוה"ר **יעקב אלי' טורענהיים** הי"ו לרגל אירוסי בתו למז"ט, מוה"ר **אברהם שלמה אלעזר בערקאוויטש** הי"ו לרגל אירוסי בתו למז"ט, הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו, מוה"ר **מרדכי פעקעטע** הי"ו - לע"נ מרת **שרה חנה** בת ר' **ישראל חיים** ע"ה הרה"ח ר' **עמרם** בן **יודא** ע"ה וזוג' מרת **שרה** בן **שלמה הכהן** ע"ה, מוה"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו - לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו, **לזכות הנדבן ומשפחתו** לזכות פרנסה בהרחבה גדולה, **לזכות הנדבן ומשפחתו** לזכות שמירת עיניו, לרפואת מוה"ר **ארי' יודא** בן **לאה** לרפו"ש, **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

אלע נדבנים פונעם היי יעריגן קאמפיין וועלן אי"ה אריינגעשטעלט ווערן אינעם גליון נאכן קאמפיין



טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

**845.999.4114**

נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג



7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק **077.401.6591**
כתובת המערכת בשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

המערכת בענגליש: **732.532.2242**

המערכת בספאניש: **054-115-219-8810**



**"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.**
אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין
**845.999.4114 #1-9**

# ווערט א מזכה הרבים!

## מזכי הרבים
## $25
## חודש'ליך

ווערט א חודש'ליכער שותף פון $25, און באקומט דעם הערליכן

**מתנה**
**דער רייכער**
**נסיעה קונטרס**

וואס איז נארוואס ארויס פון דרוק. א ספעציעלער ביכל מיטצונעמען ביי יעדע נסיעה, מיט חיזוק והלכות עצות והדרכות אויף טריט און שריט




**כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו**

מיט'ן ווערן א חודש'ליכע שותף האט איר א גלייכער חלק אין אלע הייליגע פעולות פון טהור עינים, מזכה צו זיין טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט מיט שמירת עינים.

רופט יעצט צו זיין
א מזכה הרבים!

**845.999.4114**

שטארקייט
טהור עינים
פאר כלל ישראל

NUAH 845.513.0001